בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון קנ"ו

מוסדות היכל הקודש ברסלב

חג השבועות
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - קִינְדֶערִישֶׁע דוּרְכְגֶענְג -

#### דִי קִינְדֶער לִיגְן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי מְחַנְּכִים

מְחַנְּכִים טְרָאגְן אוֹיף זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַחְרָיוּת; זֵיי הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ גֶעבְּן לֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, אָדֶער חָלִילָה זֵיי צוּ מַאכְן פַאר בַּעֲלֵי מוּמִין אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶעם גַאנְצְן פִּיוּט וָואס מֶען זִינְגְט כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"כִּי הִנֵּה כַּחֹמֶר בְּיַד הַיּוֹצֵר, בִּרְצוֹתוֹ מַרְחִיב וּבִרְצוֹתוֹ מְקַצֵּר"** (פִּינְקְט וִוי אַ שְׁטִיק רוֹיעֶ מַאטְרִיַאל אִין דִי הֶענְט פוּן אַ בַּעַל מְלָאכָה, וָואס עֶר קֶען עֶס אוֹיסְפָארֶעמֶען בְּרֵייטֶער אָדֶער שְׁמֶעלֶער לוֹיט זַיין ווילְן, אַזוֹי זֶענֶען מִיר אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעווִיזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן), קֶען מֶען אוֹיךְ זִינְגֶען אוֹיף מְחַנְּכִים. וַוייל דִי טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס קוּמֶען אִין כִּתָּה, לִיגְן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי מְחַנְּכִים, אוּן עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין זֵייעֶר ווִילְן צִי זֵיי וֶועלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער אָדֶער זֵיי אִינְגַאנְצְן צֶעקְלַאפְּן.

#### לֶערְנֶען דֶעם קוּנְטְרֵס 'צוּשְׁנַייד מִיךְ נִישְׁט'

יָארְן צוּרִיק, וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ שׁוֹידֶערְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע אַז אַ אִידִישׁ קִינְד אִיז צֶעשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן אוֹיף שְׁטִיקֶער דוּרְךְ אַ מֶערְדֶער, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעגֶעבְּן אַ הַארְצְרַייסְנְדֶע הֶסְפֵּד (לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת דְבָרִים, שְׁנַת תשע"א) אִיבֶּער וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי שׁוֹידֶערְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיגְן פוּן זַיין הֵיילִיג הַארְץ: **"יֶעדֶער זָאגְט פַארְשִׁידֶענֶע סִיבּוֹת פַארְוָואס דִי גְזֵירָה אִיז גֶעקוּמֶען, אָבֶער אִיךְ זָאג אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ דֶעם וִוי אַזוֹי מֶען בַּאהַאנְדְלְט קִינְדֶער אִין דִי מוֹסְדוֹת; מֶען שְׁלָאגְט זֵיי מַכּוֹת רֶצַח אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי נֶעמֶען אַ מֶעסֶער אוּן צֶעשְׁנַיידְן אַ קִינְד אוֹיף שְׁטִיקֶער, אוּן נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דֶעם! וַוייל וֶוען מֶען הַרְגְ'עט אַ קִינְד פִיזִישׁ, אִיז דָאס נָאר אַן אֵיינְמָאלִיגֶע זַאךְ, אָבֶער וֶוען מֶען הַרְגְ'עט אַ קִינְד גֵייסְטִישׁ, הָאט מֶען אִים גֶע'הַרְגְ'עט לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. עֶר וֶועט דָאס גֶעדֶענְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין הָאבְּן אַ גֶע'הַרְגְ'טֶער לֶעבְּן!"**

נָאכְן שִׁיעוּר הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אָפְּדְרוּקְן דֶעם הֶסְפֵּד; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אִין אַ פַארְמַאט פוּן אַ קוּנְטְרֵס מִיטְן נָאמֶען: 'צוּשְׁנַייד מִיךְ נִישְׁט', אוּן מִיר הָאבְּן עֶס שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעדְרוּקְט אִינֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' (אוֹיף אִידִישׁ, סוֹף חֵלֶק ב').

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז מְחַנְּכִים זָאלְן כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ לֶערְנֶען דִי דְרָשָׁה פוּן מוֹהֲרָא"ש; עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג מְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה. אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, אוּן יֶעדֶעס מָאל בַּאזוּנְדֶער בְּרֶענְגְט עֶס מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת.

#### קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶרֶע הַארְצִיגֶע מְחַנְּכִים

עֶס אִיז מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן פוּן אִינְגֶעלַייט וִוי זֵיי דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן זֵיי גֶעפַּיינִיגְט, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז יֶענֶער מְלַמֵּד אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַן עֶקְסִידֶענְט, הָאבְּן זֵיי מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט אַ שִׂמְחָה אִין הַארְץ אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם הָאבְּן זֵיי נָאךְ אַלְס קִינְד גֶעוַוארְט אַז דָאס זָאל פַּאסִירְן מִיט זֵייעֶר מְלַמֵּד. אוּן זֵיי פְרֶעגְן זִיךְ אַלֵיין: 'וִוי קֶען דָאס זַיין מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְבְּט מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה?!' דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, וֶוען קִינְדֶער הָאבְּן אַ מְלַמֵּד וָואס פַּיינִיגְט זֵיי, הַרְגְ'עט עֶס זֵייעֶר נֶפֶשׁ פַארְן גַאנְצְן לֶעבְּן; וֶוער עֶס אִיז דָאס נִישְׁט אַלֵיין אַרִיבֶּער, קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיבּ אַזוֹי, שְׁטֶעלְט אֵייךְ פָאר, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (סוֹטָה יא.): **"מִדָּה טוֹבָה מְרוּבָה מִמִּדַּת פּוּרְעָנוּת"**, דִי גוּטֶע זַייט פוּן יֶעדֶע זַאךְ אִיז אַלֶעמָאל גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער וִוי דִי שְׁלֶעכְטֶע זַייט; אוֹיבּ קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען אַזוֹי שְׁטַארְק דִי מְחַנְּכִים וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעפַּיינִיגְט, גֶעדֶענְקֶען זֵיי דָאךְ זִיכֶער פִיל מֶער דִי מְחַנְּכִים וָואס הָאבְּן זִיךְ הַארְצִיג אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי, זֵיי גֶעהָאלְפְן אוּן גֶעגֶעבְּן חִיזוּק.

אֲפִילוּ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער וֶועלְן דִי קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען: 'דֶער מְחַנֵּךְ הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר', 'דֶער מְחַנֵּךְ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל', 'דֶער מְחַנֵּךְ הָאט מִיר גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן אַז אִיךְ בִּין דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד'. אוּן עֶס אִיז זֶעלְבְּסְט פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן הֶערְן אוֹיף זֵייעֶר מְחַנֵּךְ פוּן

אַלְס קִינְד אַז עֶר גֵייט נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריקֵייט, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער הָאפְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אוּן נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף דָאס פַארְקֶערְטֶע.

## שְׁטְרֶענְגְקֵייט אוּן קְנָסוֹת מֵיינְט נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט

וֶוען מֶען רֶעדְט וֶועגְן 'נִישְׁט פַּיינִיגְן קִינְדֶער', מֵיינְט מֶען נִישְׁט אַז אַ מְחַנֵךְ טָאר נִישְׁט זַיין שְׁטְרֶענְג אָדֶער אַמָאל גֶעבְן אַ קְנָס; דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעפַּיינִיגְט.

אַוַודַאי אִיז עֶס אוּמְבַּא'טַעַמְ'ט פַאר קִינְדֶער וֶוען מֶען בַּאגֵייט זִיךְ שְׁטְרֶענְג מִיט זֵיי, אָדֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ קְנָס אוּן מֶען נֶעמְט אַוֶועק אַ שְׁפִּילְצֵייג, אָדֶער וֶוען זֵיי דַארְפְן בְּלַייבְן זִיצְן אוֹיפְן פְּלַאץ בִּשְׁעַת הַפְּסָקָה אָדֶער בַּיי מִיטָאג, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אִינְדֶערְהֵיים וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן גֵיין שְׁלָאפְן וְכַדוֹמֶה - זֶענֶען דִי קִינְדֶער אוֹיךְ בְּרוֹגֶז וַוייל זֵיי ווִילְן זִיךְ נָאךְ שְׁפִּילְן, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט 'גֶעפַּיינִיגְט', דָאס מֵיינְט אַ גֶעזוּנְטֶע חִינוּךְ. אַזֶעלְכֶע גֶעפִילְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אַמָאל נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג אוּן אַמָאל שְׁפֶּעטֶער; סוֹף יָאר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין יֶעדֶעס קִינְד פַארְוָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם שְׁטְרָאף, אוּן מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט מִיט קַיין שִׂנְאָה צוּם מְחַנֵךְ אָדֶער צוּ דִי עֶלְטֶערְן.

## נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען צוּ עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים

מְחַנְכִים דַארְפְן זִיךְ אָפְּגֶעבְן מִיט דִי קִינְדֶער זֵייעֶר וַוארֶעם אוּן הַארְצִיג, וַוייל מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים אוּן וָואס זֵיי גֵייעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט אַרִיבֶּער. אַסַאךְ קִינְדֶער בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין וַוארֶעמְקֵייט אוּן קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אוֹיךְ זֶענֶען דָא אַסַאךְ קִינְדֶער וָואס בַּאקוּמֶען אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים.

אַ מְנַהֵל פוּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט: אֵיין טָאג בַּיי הַפְּסָקָה הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי אַ קִינְד וֵויינְט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס אִיז גֶעשֶׁען?"** הָאט דָאס קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ הָאבּ גֶעבְּרֶענְגְט אַ נַאשׁ צוּ עֶסְן בַּיי הַפְּסָקָה אוּן אִיךְ טְרֶעף עֶס נִישְׁט, עֶס זֶעט אוֹיס אַז אֵיינֶער הָאט עֶס צוּגֶענוּמֶען"**. דֶער מְנַהֵל אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאכְקוּקְן דִי קַאמֶערֶעס פוּן דִי כִּתָּה אוּן גֶעזֶען ווִי אַ צְוֵוייטֶער קִינְד אִיז שְׁטִילֶערְהֵייט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעמְ'ס טַאשְׁקֶע אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי נַאשׁ. עֶר הָאט אַרַיינְגֶערוּפְן דָאס קִינְד אִין אָפִּיס אוּן אִים שֵׁיינֶערְהֵייט גֶעפְרֶעגְט: **"דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען נַאשׁ פוּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס טַאשְׁקֶע?"** הָאט דָאס קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"יָא"**. פְרֶעגְט אִים דֶער מְנַהֵל: **"פַארְוָואס הָאסְטוּ עֶס גֶענוּמֶען?"** הָאט דָאס קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ בְּרֶענְג קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין נַאשׁ, מִיר הָאבְן גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים אוֹיסֶער צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע טָאמַאטֶעס"**. עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס קִינְד הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין נִסָּיוֹן פוּן גְנֵיבָה, ווִיבַּאלְד זַיינֶע עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעבְן קַיין עֶסְן פַאר הַפְּסָקָה. הָאט דֶער מְנַהֵל דֶעמָאלְט אַיינְגֶעפִירְט אִין זַיין מוֹסָד אַז אִין יֶעדֶע כִּתָּה זָאל זַיין צוּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי הַפְּסָקָה אַ גֶעוִויסֶע אִיבֶּערְבַּייס, כְּדֵי דִי קִינְדֶער וָואס בְּרֶענְגֶען גָארְנִישְׁט פוּנְדֶערְהֵיים זָאלְן הָאבְן וָואס צוּ עֶסְן.

צוּלִיבּ דִי זֶעלְבֶּע סִיבָּה אִיז בַּיי גֶעוִויסֶע מוֹסְדוֹת אַיינְגֶעפִירְט צוּ גֶעבְן פַאר דִי קִינְדֶער אַבִּיסְל אַ גְרֶעסֶערֶע מָאלְצַייט בַּיי מִיטָאג, ווִיבַּאלְד בַּיי אַסַאךְ קִינְדֶער אִיז דָאס זֵייעֶר עִיקָר מָאלְצַייט, וַוייל אִינְדֶערְהֵיים בַּאקוּמֶען זֵיי נִישְׁט קַיין עֶסְן.

## נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ

מְחַנְכִים דַארְפְן ווִיסְן אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

מֶען קֶען אַסַאךְ מָאל זֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ווִי אַ קְלֵיין קִינְד טַאנְצְט אוֹיף זַיין טַאטְן, עֶר שְׁלֶעפְּט אִים אַרָאפּ דִי גְלֶעזֶער (בְּרִילְן) אוּן צֶעפַּאטְשְׁקֶעט אִים דִי פֵּיאוֹת; אוּן אַנְשְׁטָאט דֶער טַאטֶע זָאל זָאגְן פַארְן קִינְד: **"מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן!"** אוּן אִים גֶעבְן אַ קְלֵיין פֶּעטְשֶׁעלֶע (וָואס טוּט נִישְׁט וֵויי), אִיז עֶר פוֹיל אוּן הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ מְחַנֵךְ צוּ זַיין דָאס קִינְד, אוּן עֶר וֶועט עֶנְדֶערְשׁ יֶעדֶע צְוֵויי מִינוּט צוּרִיק מְסַדֵר זַיין דִי פֵּיאוֹת וָואס זַיין זוּן הָאט אִים צֶעפַּאטְשְׁקֶעט.

דֶערְנָאךְ, וֶוען אַזַא סָארְט קִינְד קוּמְט אָן אִין כִּתָּה אוּן עֶר דְרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, קֶען זִיךְ דֶער מְלַמֵד אוֹיפְרֶעגְן אוֹיפְן קִינְד אוּן אִים אָנְקוּקְן ווִי דֶער גְרֶעסְטֶער מְחוּצָף, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס קִינְד נֶעבֶּעךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג; מֶען הָאט אִים דָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי פִירְן. מֶען דַארְף אִים פָּשׁוּט אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן מְחַנֵךְ זַיין צוּ הָאבְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן צוּ פָאלְגְן.

דֶערְפַאר, וֶוען אַ קִינְד עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק פַאר אַ מְחַנֵךְ מִיט חוּצְפָּה, טָאר מֶען אִים נִישְׁט אָנְקוּקְן ווִי אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, נָאר מֶען דַארְף אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת אַז אֶפְשָׁר אִיז עֶר נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל קֵיינֶער הָאט אִים פָּשׁוּט נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ מְחַנְכִים, אוּן מֶען דַארְף אִים מְחַנֵךְ זַיין אוּן זָאגְן: **"מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן!"** **"מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ!"**

## זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן דִי יָמִים טוֹבִים

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר מְחַנְכִים צוּ זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אוּן פַאר אַ יוֹם טוֹב זָאל מֶען זִינְגֶען נִיגוּנִים וָואס הָאבְן אַ שַׁייְכוּת מִיטְן יוֹם טוֹב.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, פְלֶעג אִיךְ אַסַאךְ זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער דֶעם נִיגוּן פוּנֶעם בַּעַל 'עֲבוֹדַת פָּנִים', וָואס דָאס הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַלֶע אִידְן אוּן אוֹיךְ מִיר, אִיךְ פַארְזִיכֶער זִיךְ נִישְׁט אִין קֵיינֶעם, נָאר אִין דִיר, אִיךְ הָאף נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם נָאר צוּ דִיר. מַיין הִילְף אִיז נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם נָאר פוּן דִיר, אָן דַיין הִילְף קֶען מֶען נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם שְׁוֶועל פוּן טִיר, אָן דַיין כֹּחַ, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְן קַיין רִיר, אִיךְ פַארְלָאז מִיר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיף דִיר, דַיין רַחְמָנוּת אוּן דַיינֶע חֲסָדִים, זֶענֶען אָן אַ שִׁיעוּר. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מֶען**

**דאַרף אָנקומען צו דיר, יעדע רגע און יעדע מינוט, אויף יעדן טריט און יעדן שריט, סיי ווען ס'איז חס ושלום שלעכט, און סיי ווען ס'איז גוט. רבונו של עולם, איך בעט דיר זייער, העלף מיר, איך זאָל קענען היטן מיינע אויגן, און מיינע רייד פון מויל, זאָלן זיין געוואויגן, און מיין הארץ זאָל זיין פאַר דיר געבויגן, און אַלע מיינע מעשים זאָלן זיין, כָּראוי וכהוגן".**

מען דאַרף אַכטונג געבן נישט אָנצוצינדן פאַר די קינדער ניגונים פון נישט ערליכע בעלי מנגנים. דער הייליגער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ג): "**מי ששומע נגינה ממנגן רשע, קשה לו לעבודת הבורא, וכששומע ממנגן כשר והגון, אזי טוב לו**", ווער עס הערט ניגונים פון אַ נישט ערליכער זינגער, וועט אים אָנקומען שווער צו דינען דעם אייבערשטן; ווידער אויב מען הערט ניגונים פון אַן ערליכער זינגער, וועט עס אים צוהעלפן צו עבודת השם. געלויבט דעם אייבערשטן אַז היינט זענען דאָ סידי'ס פון ערליכע אידן וואָס זינגען חסידי'שע וואַרעמע ניגונים, און דאָס מעג מען אָנצינדן פאַר די קינדער.

## דערציילן פאַר די קינדער מעשיות פון צדיקים

דערציילט פאַר די קינדער מעשיות פון צדיקים. ברוך השם, היינט איז דאָ אין די געשעפטן אַ גרויסע אויסוואַל פון גוטע מעשה ביכלעך; מען קען עס קויפן און פאַרקויפן שיינע מעשיות פון חז"ל וועגן נישט רעדן לשון הרע, אָדער וועגן נישט גנב'ענען, און אַז אויב מען גנב'עט און מען טוט נישט תשובה, וועט מען דאַרפן מגולגל ווערן חס ושלום.

אַז מען דערציילט פאַר די קינדער אַזעלכע מעשיות, וועט עס אַריינגיין בײַ זיי טיף אין די ביינער, און אַ גאַנץ לעבן וועלן זיי זיך אַכטונג געבן נישט צו רעדן לשון הרע און נישט אָנצורירן קיין פרוטה פון אַ צווייטן.

## אַ לימוד וואָס צו לערנען אין צעפּאַרענע טעג

עס קען זיך אַמאָל דאַכטן פאַר מחנכים אין געוויסע צייטן פונעם יאָר - צום בײַשפּיל: אין די וואָך וואָס פורים געפאַלט אויס, ווען עס זענען כמעט נישטאָ קיין געהעריגע טעג צו לערנען מיט די קינדער, ווייל איין טאָג מאַכט מען אַ פורים שפּיל, איין טאָג איז תענית אסתר און איין טאָג איז פורים; אָדער אין די טעג צווישן פורים און פּסח; אָדער יעדע וואָך פרייטאָג ווען מען האָט זייער אַ קורצע צייט מיט די קינדער אין כּתה - אַז די צייט איז סיי ווי אַ געה'רג'עטע צייט און מען קען גאָרנישט אויפטון מיט די קינדער.

דאָס איז אָבער נישט קיין ריכטיגע בליק ווי אַזוי אָנצוקוקן אַזעלכע סאָרט טעג. מען דאַרף וויסן: די סאָרט טעג זענען זייער וויכטיג פאַר די קינדער. מען קען טאַקע נישט לערנען מיט זיי די געוועהנליכע לימודים, אָבער אין די טעג דאַרף מען זיי אויסלערנען אַן אַנדערע לימוד. מען דאַרף אויסלערנען פאַר די קינדער אַז אַפילו אין אַזעלכע טעג ווען עס איז נישטאָ קיין געהעריגע סדר היום אין חדר אָדער אין שולע, איז אויך דער אייבערשטער דאָ, און מען דאַרף ווייטער דאַווענען ווי עס דאַרף צו זיין, זיך וואַשן פאַרן עסן ברויט, בענטשן ברכת המזון ערליך, און זאָגן די ברכה פון 'אשר יצר' וואָרט בײַ וואָרט, פּינקט ווי אין אַ געהעריגע טאָג אינמיטן יאָר. דאָס וועט זיין פאַר זיי אַ לימוד ווי אַזוי זיך אויפצופירן דורכאויס זייער גאַנץ לעבן ווען זיי וועלן מער נישט זיין אין די פיר ווענט פון אַ מוסד, אַז אַפילו דעמאָלט דאַרף מען ווייטער דאַווענען און בענטשן ווי עס דאַרף צו זיין און זיך פירן ווי אַ איד.

אויך קען מען אין די צעפּאַרענע טעג דערציילן פאַר די קינדער מעשיות פון צדיקים. מען זאָל זיי זאָגן: "**אַזוי ווי עטץ זענטס זייער וואויל, וועל איך ענק דערציילן אַ מעשה**"; מען קען אויסציען די מעשה כּדי עס זאָל זיין געשמאַק פאַר די קינדער, און אינמיטן די מעשה זאָל מען אַריינפלעכטן אמונה און יראת שמים. אויף דעם וועג וועט מען גאָר אַסאַך אויפטון, אַפילו אין אַזעלכע צעפּאַרענע צייטן.

עס לוינט זיך צו עפענען אַ מוסד און זיך מוטשען עס צו האַלטן אָפן אַ גאַנץ יאָר, נאָר כּדי די קינדער זאָלן האָבן אַ חדר און אַ שולע אין די טעג צווישן פורים און פּסח. ווייל דעמאָלט ווען די עלטערן מאַכן פּסח'דיג און עס איז איבערגעשטרענגט אינדערהיים און מען יאָגט די קינדער, זאָלן די קינדער האָבן אַ מוסד וואו מען וועט שמייכלען צו זיי, אַריינלייגן אין זיי די ניגונים פונעם יום טוב, און רעדן צו זיי פונעם אייבערשטן און פונעם הייליגן רבי'ן.

## בײַם סוף וועלן די ווערטער פועל'ן

מיר שטייען יעצט בײַם סוף פונעם ווינטער זמן; די וועטער ווערט שוין וואַרעמער און די קינדער ווערן שוין צוביסלעך פאַרשפּילט, זיי הייבן שוין אָן צו קריכן אויף די ביימער און אויף די דעכער, און אַזוי ווייטער. דעריבער דאַרפן די מחנכים האָבן פרישע התחזקות און פרישע כּחות ווייטער צו זיצן מיט די קינדער.

מען דאַרף גלייבן אַז יעדעס וואָרט וואָס מען רעדט צו קינדער וועט צום סוף פועל'ן. אַפילו אויב בשעת מעשה זעט עס אויס ווי די קינדער הערן זיך נישט צו און זייער מח איז פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, דאָך, אויב מען וועט רעדן צו זיי וועגן נישט גנב'ענען, נישט טשעפּען, נישט זאָגן קיין ליגנט און אַזוי ווייטער, וועלן די ווערטער זיכער פועל'ן און זיי וועלן זיך טאַקע אויפפירן ווי עס דאַרף צו זיין.

אויב מען איז מחנך די קינדער מיט האַרץ און געפיל, וועלן די קינדער מיט נעמען די אַלע לימודים פאַרן גאַנצן לעבן, און זיי וועלן אויסוואַקסן ערליכע אידן.

חינוך אָפּטיילונג
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

# עֶסְן שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בַּיי יֶעדֶע שְׁאֵלָה בַּאזוּנְדֶער מוּז אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אוּנְזֶער ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעשְׁמַאק לֶעבְן וָואס מִיר הָאבְן אִין זְכוּת פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

מִיר הָאבְן שׁוֹין גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן עֶסְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוּנְז גֶעעֶנְטְפֶערְט, "עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ עֶסְן אִין שְׁטוּב", אוּן מִיר טוּעֶן דָאס טַאקֶע.

מִיר ווִילְן אָבֶער נֶעמֶען דִי שְׁטַארְקְקֵייט אִיבֶּערְצוּפְרֶעגְן נָאכְאַמָאל, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אַרוֹיסְזָאגְן וָואס לִיגְט אִין הַאַרְץ. פַּאקְטִישׁ אִיז אוּנְז אַבִּיסְל שְׁוֶוער דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, וַוייל יֶעדֶער פִּירְט זִיךְ יָא צוּ גֵיין עֶסְן סְעוּדוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן יֶעדֶע וָואךְ, אָדֶער כָּאטְשׁ יֶעדֶע צְוֵוייטֶע וָואךְ, בַּיי אוּנְז דָא אַן עֵירוּב אוּן מֶען קֶען גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אִין צְוָואנְצִיג יָאר אַרוּם וֶועלְן מִיר שׁוֹין זַיין דִי זֵיידֶע אוּן בָּאבֶּע אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, אוּן דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין זַאכְן וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נָאכְנִישְׁט יֶעצְט, אוּן אֶפְשַׁר דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ חֲרָטָה הָאבְן אוֹיף זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוֹן נִישְׁט רִיכְטִיג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס, מִיר קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו.**

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז "חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת" (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א), אוּן אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ גֵיין בַּאזוּכְן דִי עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אוּן אַזוֹי אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן; נָאךְ דִי חֲתוּנָה גֵייט מֶען אֵיין סְעוּדָה צוּ טַאטֶע מַאמֶע אוּן אֵיין סְעוּדָה צוּ שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אוּן אַז מֶען ווּאוֹינְט נִישְׁט אִין דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאט גֵייט מֶען אֵיין שַׁבָּת דָא אוּן אֵיין שַׁבָּת דָארְט; דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה צוּ זֶען דִי קִינְדֶער, נָאכְן אַזוֹיפִיל הָארֶעוֶוען אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן; דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן יוּנְגֶער פוּן זֶען דִי נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער.

דָאס אִיז גוּט כָּל זְמַן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין; אֵיינְמָאל דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער אִיז רִיכְטִיג צוּ בְּלַייבְן אִין שְׁטוּב עֶסְן דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת אִין שְׁטוּב, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי אָנְפִילְן מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ'.

אַז מֶען ווּאוֹינְט נָאנְט צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַרוֹיף צוּ גֵיין פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְן דַאוֶוענֶען זֵיי זָאגְן גוּט שַׁבָּת, אוּן אַז מֶען הָאט אַ מַאמֶע אִיז עַל פִּי סוֹד זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֶעבְן אַ קוּשׁ דִי הַאנְט, דֶער אַרִיזַ"ל הָאט אַזוֹי גֶעטוֹן, אוּן דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (מָגֵן אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רעד) אַז אַלֶע זָאלְן אַזוֹי טוּן. אוֹיךְ קֶען מֶען אַרִיבֶּער גֵיין ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז דָא לַאנְגֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וְכוּ', אָבֶער עֶס אִיז זִיכֶער רִיכְטִיג צוּ מַאכְן סְעוּדוֹת אִין שְׁטוּב מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא הֲלָכוֹת אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וָואס אִיז מוֹרָא הָאבְן פוּן עֶלְטֶערְן, אוּן וָואס אִיז מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ); מוֹרָא הָאבְן אִיז, אַז מֶען טָאר נִישְׁט זִיצְן אוֹיף אַ טַאטֶע'ס פְּלַאץ, מֶען טָאר נִישְׁט אָוֶועקְמַאכְן וָואס עֶלְטֶערְן זָאגְן, אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט מַכְרִיעַ זַיין זֵייעֶר וֶוערְטֶער, מֶען טָאר נִישְׁט רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן בַּיים נָאמֶען, אוּן מְכַבֵּד זַיין אִיז, אַז מֶען זָאל זֵיי גֶעבְן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען וְכוּ' וְכוּ'; כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס דִי מִשְׁפָּחָה מַאכְט אָפּ צוּ טוּן, כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט וָואס דִי שְׁוָואגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס טוּעֶן אוּן זָאגְן אַז מֶען דַארְף טוּן; כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַז מֶען צִיט אוֹיף אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער, מֶען מַאכְט שַׁבָּת סְעוּדוֹת מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען גֶעבְּט דִי קִינְדֶער וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְשַׁאפְט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע חִינוּךְ פוּן פָאלְגְן עֶלְטֶערְן, אוּן דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן אִין שְׁטוּב פְּרִיוַואט וְכוּ', אוּן בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָּיךְ.

וְהָעִקָּר זָאלְן עֶנְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, נָאר תְּפִלָּה הֶעלְפְט; עֶס אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חֵפֶץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֵפֶץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וַויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת צו, שנת תשפ"ו)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876